בעזהשי"ת

## קונטרס

# אַ גוּטֶער מָאלֶער

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת פִּנְחָס תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
ישיבה אפיס 718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
347-243-2992

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**


breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

# אַ גוּטֶער מָאלֶער

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דְרַייצְן עִיקְּרִים פוּן אֱמוּנָה, אֵיינְס פוּן דֶעם אִיז 'אַז בַּיי דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ קַיין שׁוּם גֶעשְׁטַאלְט אָדֶער אוֹיסְזֶעהְן, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן: אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף וְאֵין לוֹ שׁוּם דִמְיוֹן כְּלַל: דָאס הֵייסְט אַז בַּיי רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אָפְּצוּמָאלְן, אָדֶער פָארְצוּשְׁטֶעלְן אַז כִּבְיָכוֹל דֶער

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין כַּעַס אוּן דָאס גְלַייכְן, וַוייל דָארְטְן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם צִימְצוּם נָאר אַלֶעס אִיז רַחֲמָנוּת, אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶער עִנְיָן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (בַּמִדְבָּר כה, י״א): פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי, פִּנְחָס הָאט צוּרִיקְגֶעקֶערְט מַיין כַּעַס אוּן מַיין צָארְן. בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ נִישְׁט פַארְהַאנֶען דִי אַלֶע זַאכְן?!

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ל״ו): דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אַז פוּן אוֹיבְן קוּמְט אַרָאפּ נָאר אַ אוֹר פָּשׁוּט, פָּשׁוּטֶע לֶעכְט, וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעמָאלֶענְט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער מָאלֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה, עֶר אִיז הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן - אוּן עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן גֶעדַאנְק, מָאלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיס דֶעם אוֹר פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּם גוּטְן, אָבֶּער אוֹיבּ - חָלִילָה וְחַס - עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועְן בִּבְרִית, אִיז שׁוֹין דֶער מֹחַ אוּן גֶעדַאנְק אוֹיכֶעט קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, מְמֵילָא זֶעהְט עֶר שׁוֹין אַלֶעס שְׁוַוארְץ אוּן בִּיטֶער, אוּן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין פוּן דִי צָרוֹת נִישְׁט

אַרוֹיסְגֵיין, אוּן יֶעדֶע צָרָה קוּקְט עֶר אָן וִוי ׳אַ גְרוֹיסֶע צָרָה׳ וְכוּ׳, אָבֶּער דָאס אִיז תָּלוּי אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

דָאס אִיז וָואס דָאס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה יד ד. קֹהֶלֶת רַבָּה פַּרְשָׁה ב׳ פָּסוּק יא): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז): **וַיִּיצֶר הֲוָיָ״ה אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם**: פַארְוָואס שְׁטֵייט וַיִּיצֶר מִיט צְוֵויי יוּדִין, נָאר עֶס אִיז דָא צְוֵויי יֵצֶר׳ס דִי יֵצֶר **טוֹב** וָואס דָאס אִיז דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן יֵצֶר הָרַע וָואס דָאס אִיז שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוֹיךְ אִיז דָאס לָשׁוֹן צַיֵר מָאלֶען, (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן מ״ט): דָאס הֵייסְט עֶס אִיז פַארְהַאנֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער מָאלְט אוֹיס אַ שֵׁיינֶעם בִּילְד, אוּן אֵיינֶער מָאלְט אוֹיס אַ בִּיטֶערְן בִּילְד. וֶועגְן דֶעם קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען אַ מָאלֶער וָואסֶערֶע פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט עֶר אִיז, מַאכְט עֶר אַ בִּילְד וִוי דִי זוּן שַׁיינְט, אָדֶער דִי לְבָנָה לַייכְט, בְּלוּמֶען וַואקְסְן, קִינְדֶערְלֶעךְ טַאנְצְן, וֵוייסְט מֶען אַז עֶר אִיז אַ פְּרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶּער אוֹיבּ מָאלְט עֶר אַ בִּילְד וִוי בִּנְיָנִים פַאלְן אַיין, מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעכְן זִיךְ, שְׁוַארְצֶע וָואלְקֶענֶעס, אִיז עֶר אַ מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיגֶער

breslevcity.co.il

מֶענְטְשׁ. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז, דָאס מָאלְט עֶר אָפּ. קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶעם מֹחַ זֶעהְט עֶר נָאר וַוייס, אוּן עֶר וֵוייסְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער וִויל אַזוֹי, זָאל זַיין אַזוֹי.

אָבֶער וִויבַּאלְד רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פָּגוּם (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן לט) אוּן זֵייעֶר מֹחַ אִיז נִישְׁט גַאנְץ, וֶועגְן דֶעם אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמְן דִי פָּשוּטֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, אוּן עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶה דִי גַאנְצֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ, אוּן וָואס מֶען זֶעט, פֶּעלְדֶער, בֵּיימֶער, חַיוֹת, מֶענְטְשְׁן. דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר. אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִיוּם אוֹיף קַיין אֵיין רֶגַע, וַוייל אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן דִי בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אַלֶעס.

נָאר וִויבַּאלְד דָאס אִיז אַזוֹי פָּשׁוּט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק"א): "דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס פַּשְׁטוּת". אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל עֶס קֶענֶען אַרַיין

breslevcity.co.il

נֶעמֶען אִין זִיךְ, וַוייל דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְש אִיז, אַז עֶר זוּכְט גְרוֹיסְקֵייט, עֶר ווִיל עֶפֶּעס זֶעהְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא! אוּן עֶר אָטֶעמְט אֱלֹקוּת, אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען דָאס נִישְׁט כַאפְּן אִיז וַוייל עֶר זוּכְט הוֹיכֶע זַאכְן.

אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אוֹיךְ אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן קַשְׁיוֹת - רַחֲמָנָא לִצְלָן - אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן זֶענֶען צוּבְּרָאכְן ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָאךְ מִיט אִים, בַּיי אִים, נֶעבְּן אִים, יֶעדֶע רֶגַע?! נָאר פוּן צוּפִיל לִיכְטִיגְקֵייט ווֶערְט צוּבְּרָאכְן דִי כֵּלִים, אוּן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמְן, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶעהְן מוֹרָא'דִיגֶער לֶעכְט ווִיבַּאלְד עֶר זֶעהְט דָאס נִישְׁט ווֶערְט עֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זַיינֶע 'כְּלֵי הַמוֹחִין' כַאפְּן דָאס נִישְׁט.

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, זֶעט עֶר שְׁטֶענְדִיג דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער בַּיי יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. לְמָשָׁל ווֶען עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה אִיז עֶר דָאךְ דֶעמָאלְטְס מַזְכִּיר דֶעם שֵׁם הַשֵּׁם, אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדְן פְּרַט אוּן בַּיי

breslevcity.co.il

יֶעדֶע מִצְוָה וְכוּ׳, שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ אוּן טְרֶעפְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

## ב.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקַייט; נָאר אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן שֵׂכֶל. וָואס דֶעמָאלְטְס לֶעבְּט מֶען אַ גוּט אוּן אַ זִיס לֶעבְּן, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ב, ל״ג) אָבֶּער אַז מֶען קְרִיכְט אַרַיין מִיט חָכְמוֹת אִין הַשְׂכָּלוֹת צוּ וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ מִיטְן שֵׂכֶל, דָאס הַרְגֶעט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער לֶעבְּן וֶוערְט אִים בִּיטֶער, אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיל מִיט קַשְׁיוֹת, אוּן אַזוֹי שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל נָאר פַּשְׁטוּת, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים.

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קכ״ג): אַז דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט

מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן זֵייעֶר גַאנְצֶע שֵׂכֶל אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִיט תְּמִימוּת אוּן פַּשְׁטוּת.

ג.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ לְגַבֵּי מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִינְגַאנְצְן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זַיין גַאנְצֶער מֹחַ-מַחְשָׁבָה אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן נָאר פוּן דֶעם רֶעדְט עֶר, אוּן דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע חַיוּת, צוּ אַזַא צַדִיק אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקוּרָב צוּ וֶוערְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, אִיךְ הָאבּ וֶועלן גֶעוָואלְט הֶערְן אַ גוּטְן פִּילְפּוּל וְכוּ׳, אָדֶער עֶפֶּעס הֶעכֶערְס וְכוּ׳, אָבֶּער אַז עֶר רֶעדְט סְתָּם פַּשְׁטוּת, אִיז דָאס נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן דָאס אִיז גָארְנִישְׁט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, וַוייל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, הָאט גֶערֶעדְט סְתָּם פַּשְׁטוּת, אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים לוֹמְדִים עֲצוּמִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

מוֹרָא׳דִיגֶער לַמְדָן, אוּן נָאךְ גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען לוֹמְדִים עֲצוּמִים, דֶערְפַאר וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִין אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט מוֹרָא׳דִיגֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען מָאל צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מִדָה פוּן הֵיילִיגֶע גְבוּרָה אוּן עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט דֶעם דִיבּוּר: עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס פַּאסִירְט זָאל עֶר זָאגְן: ׳זָאל זַיין אַזוֹי׳, דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָארְן בִּיז אַהֶער, אוּן בַּטְלֶ׳ן אַזוֹי פִיל צַייט, אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט אַזוֹיפִיל צַאם לֶערְנֶען, עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן. נָאכְדֶעם הָאט דֶער אֵייבִּירְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעלַאדְנְט אוֹיף אַ בְּרִית אִין אַ

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

גֶעוִויסֶע שְׁטָאט צוּ זַיין סַנְדָק, אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן ווִינְטֶער פִּיל מִיט שְׁנֵיי, הָאט עֶר גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אוּן ווִיבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶוערְט שׁוֹין נָאכְמִיטָאג, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, אוּן בַּאלְד וֶועט שׁוֹין זַיין דִי שְׁקִיעָה, הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם רָב פוּן יֶענֶע שְׁטָאט מִיט דִי סַנְדְקָאוֹת, ווִי נָאר עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן מִיטְן קִינְד, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת, וָואס דֶעמָאלְטְס טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם קִינְד פוּן דֶעם שׁוֹיס, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאט גְבוּרָה דִקְדוּשָׁה הָאט דָאס אִים זֵייעֶר גֶעאַהְרְט אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעוַוארְט מִיט דֶעם סַנְדְקָאוֹת (כָּאטְשִׁיג מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט).

שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת אִיז גֶעזִיצְן אוֹיבְן אָן, אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען עֶפֶּעס אַ אָרִימַאן אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אוּנְטְן, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֵייט גְלַייךְ צוּ אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: ווִילְסְט זִיךְ וַואשְׁן? עֶנְטְפֶערְט עֶר: זָאל זַיין אַזוֹי! עֶר וַואשְׁט זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ

breslevcity.co.il הר | שדה | בית

בּוּלְקֶע, אוּן עֶר מַאכְט הַמּוֹצִיא, פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת: אִיר ווילְט אַ פָּארְצִיֶע פִּישׁ? זָאל זַיין אַזוֹי! אִיר ווילְט נָאךְ אַ פָּארְצִיֶע? זָאל זַיין אַזוֹי! אוּן דֶער עוֹלָם הַאלְט אִים אִין אֵיין צוּרִיקְן נָאךְ אַ פָּארְצִיֶע אוּן אַזוֹי בַּיי דִי אִיבֶּערִיגֶע עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְּרֶעגְט צוּ עֶר דַארְף נָאךְ, הָאט עֶר אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט, זָאל זַיין אַזוֹי! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעלֶעכְטֶער, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אִינְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן, אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז לֵיידֶער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע זִיצְט דָארְטְן אוֹיבְן אָן אוּן עֶר הַאלְט אַלֶעס מִיט, אוּן עֶר זֶעהְט ווִי אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: זָאל זַיין אַזוֹי! הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט דָאס אִים אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט, עֶר זָאל מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זָאגְן: זָאל זַיין אַזוֹי!

וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ אִים גֶעפְּרֶעגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט?! בִּיז עֶר

breslevcity.co.il

אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: אַז אִין הִימְל וֶועל אִיךְ זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דֶעם 'יָאסֶעלֶע' וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעשְׁטֶעלְט.

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם הָאט אוֹיךְ פַּאסִירְט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מִיכֶעלֶע זְלָאטְשׁוֹבֶער זי"ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס פַּארְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעוֶועזְן.

וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע לַמְדָן נָאךְ פַאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן יוּנְג, (עֶר גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע בָּארְד מִיט צְוֵויי לַאנְגֶע פֵּיאוֹת), הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, וָואס טוּה אִיךְ דָא? עֶס אִיז אַ שָׁאד גֶעוֶועהְן דִי צַייט פוּן אַהֶער קוּמֶען, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה: וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוֹבֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

הַקָדוֹשׁ דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט גֶערֶעדְט, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק, פַּארְוָואס בִּין אִיךְ דָא אַהֶער גֶעקוּמֶען, אֶפְשָׁר אִיז עֶר אַ עַם הָאָרֶץ ? ! אַזוֹי וִוי עֶר אִיז הָאט דָאס מְהַרְהֵר גֶעוֶוען, כַּאפְּט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אָן דִי הַאנְט אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: ׳מִיכְל בִּיזְט אַן עַם הָאָרֶץ׳ ! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז דָא כַּאפְּט מֶען מַחְשָׁבוֹת. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעגֶעבְּן אַ כַּאפּ אָן דִי הַאנְט פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרֵייט: ׳מִיכְל בִּיזְט אַ עַם הָאָרֶץ׳ ! אוּן הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט עֶטְלִיכֶע מָאל, הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם ווּאוּנְק.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער לַמְדָן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָבֵר מִיטְן הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ, אוּן עֶר הָאט גֶעלִיטְן אוֹיפְן פִיס מוֹרָא׳דִיגֶע יִסוּרִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אַסַאךְ מָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְטוּהְן דִי זָאקְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בֵּיידֶע לַמְדָנִים, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב

breslevcity.co.il

הַקָדוֹשׁ, אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעזֶעהְן, אַז דֶער מַגִיד וַואלְגֶערְט זִיךְ פוּן יִסוּרִים, הָאט עֶר אִים גֶ׳עֵצָה׳ט: אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאגְט אַז דָארְטְן זֶעהְט מֶען מוֹפְתִים, גֵיי דוּ אוֹיךְ אַהִין, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דִיר גֶעבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי פִּיס, אִיז עֶר אַהִין גֶעפָארְן, אוּן דָאס הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי וָואכְן, עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען שָׁלוֹם, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אִיךְ וֶועל אַייךְ פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּעַל-עֲגָלָה עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶעקְסִ״י, אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אִים אִינְמִיטְן וֶועג, שְׁרֵייט עֶר צוּ מִיר ׳אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג׳! אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרוֹיט אִים צוּ גֶעבְּן, אִינְמִיטְן קוּמְט צוּ גֵיין אַ גוֹי מִיט אַ זַאק בְּרוֹיט, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים בַּאצָאלְט גֶעלְט, אוּן אַלֶעקְסִ״י הָאט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן. דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ ווִיל דָא, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט עֶר וֶועט הֶערְן עֶפֶּעס מֶער.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, און גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר וֶועט עֶר הֶערְן עֶפֶּעס אַ נֵייעֶם דִיבּוּר, פַארְצֵיילְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעפָארְן מִיט אַלֶעקְסִי״ און דִי פֶערְד הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, און מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער פָארְן, פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גוֹי, און גֶעבְּרֶענְגְט הֵיי, הָאבְּן שׁוֹין דִי פֶערְד גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, און גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: אִיךְ זִיץ שׁוֹין דָא צְוֵויי טֶעג און אִיךְ הֶער נָאר מַעֲשִׂיוֹת?! עֶס אִיז פָּשׁוּט ׳בִּיטוּל זְמַן׳, וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זִיצְן, און עֶר זָאגְט פַאר זַיין בַּעַל עֲגָלָה וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט: נָאךְ הַיינְט בַּיינַאכְט פָארְט מֶען אַהֵיים, זָאגְט אִים זַיין בַּעַל עֲגָלָה: עֶס אִיז פַארְנֶעפֶּעלְט אִינְדְרוֹיסְן און אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ פָארְן, פְּלוּצְלִינְג זָאגְט אִים דֶער בַּעַל עֲגָלָה, מֶען קֶען שׁוֹין פָארְן און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַיינְצוּפַּאקְן אַהֵיים צוּ פָארְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

הָאט דָאס מַרְגִיש גֶעוֶוען, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דֶעם מְשָׁרֵת, עֶר זָאל גֵיין רוּפְן דֶעם מַגִיד צוּ זִיךְ.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִינְמִיטְן נַאכְט, פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אִיר קֶענְט לֶערְנֶען? זָאגְט עֶר יָא! פְרֶעגְט עֶר אִים: עֵץ חַיִים הָאט אִיר גֶעלֶערְנְט? זָאגְט עֶר יָא! זָאגְט דִי בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם עֵץ חַיִים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַ מִישׁ אוֹיף עֶרְגֶעץ, אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד: אִיר קֶענְט מִיר זָאגְן דָא פְּשַט? זָאגְט עֶר: אִיךְ מוּז זִיצְן! אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁטֵיין. [ווייל עֶר הָאט גֶעלִיטֶען אוֹיף דִי פוּס וְוִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט] אוּן זָאגְט אִים אַ גוּטְן פְּשַט, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: נֵיין, דֶער פְּשַט אִיז נִישְׁט אַזוֹי. קוּקְט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן זָאגְט: דֶער פְּשַט אִיז יָא אַזוֹי, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוֹיף דִי פִיס, אוּן קוּמְט וֶועט אִיר הֶערְן וְויאַזוֹי מֶען לֶערְנְט דָאס, [אִין דֶעם שְׁטִיקְל עֵץ חַיִים אִיז דָא שֵׁמוֹת פוּן מַלְאָכִים,] אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן צוּ לֶערְנֶען, פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אַזַא מִין לִיכְט דָארְט, אַז עֶר שְׁפִּירְט

אַז דִי מַלְאָכִים זֶענֶען דָא אוּן עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מַגִיד אוּן פְרֶעגְט: אִיךְ קֶען שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן מִיט אַייךְ? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: יָא! זָאגְט עֶר פַאר זַיין בַּעַל-עֲגָלָה, 'אִיר קֶענְט אַהֵיים פָארְן וַוייל אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין דָא', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין טַאקֶע דָארְטְן גֶעבְּלִיבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

דֶער לִימוּד פוּן דִי סִיפּוּרִים אִיז, אַז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב דֶער פַּשְׁטוּת! צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: 'מֶען דַארְף אִין דֶער יוּגְנְט אַסַאךְ הָארֶעוֶועןְ אַז מֶען זָאל אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער יוּד'. וַוייל דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אוּן אִין דֶעם פַּשְׁטוּת, לִיגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַמְקוּת. וֶועגְן דֶעם בַּיי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען נָאר גֶעזֶעהְן פַּשְׁטוּת, אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיוֹת אוֹיף זֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ב): אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא קַשְׁיוֹת, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶס צוּ זַיין, וַוייל וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיין

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל פַּארְשְׁטֵיין רוּחְנִיּוּת?! אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיף אַ עֶרְלִיכֶען אִיד אִיז אוֹיךְ דָא קַשְׁיוֹת וַוייל עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִּירְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קיח): וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן וֵוייסְט אַז אַזוֹי דַארְף עֶס צוּ זַיין.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט נָאר פַּשְׁטוּת, הָאט עֶר אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן. אוּן עֶר קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן עֶר וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּארְלוֹירְן, וַוייל אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְךְ גֶעפַאלְן, וֵוייסְט עֶר אַז עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן.

דָאס אִיז דִי מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער. וָואס צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶער תְּמִימוּת, אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, אוּן הֶערְט מִיר אוֹיס.

breslevcity.co.il

דער הייליגער רבי האט געזאגט: (שיחות הר"ן סימן קנד): איך האב גערעדט מיט אסאך צדיקים און זיי האבן מיר אויך געזאגט אז זיי זענען געקומען צו זייער זאך, נאר דורך די זאך פון פראסטאק, דאס הייסט זיי האבן פשוט גערעדט צום באשעפער. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן עח): דער דיבור איז אזוי ווי א מאמע, וואס גייט מיט מיטן קינד, אפילו אין מקומות המטונפים און וואשט אים און ריינ'יגט אים אפ, די זעלבע זאך דער דיבור, אז א מענטש רעדט צום באשעפער, גייט דער באשעפער מיט, מיט-אים, און אפילו ער איז שוין אריינגעפאלן און די נידריגסטע פלעצער, וועט ער זיך שטענדיג דערמאנען פון באשעפער, אזוי ווי דער פסוק זאגט: (ירמיהו ל"א): 'מידי דברי בו זכר אזכרנו עוד'. אז איך רעד צום באשעפער וועל איך זיך דערמאנען אין אים.

breslevcity.co.il

## ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנ"ה): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, אוּן וֶועט הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, אִיז דָאס אַ בְּחִינָה פוּן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, זֶעהְט עֶר אַז אַלֶעס אִיז גוּט. אָבֶער דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אַרַיין צוּבְּרֶענְגֶן אִין מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה, וְסִימָן ר"כ): אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זִיךְ דַארְפְן שְׁלָאגְן פַאר פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה.

מִיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר כה, יא): פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר וְכוּ' הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קַיין כַּעַס? נָאר דָאס אִיז תָּלוּי אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין, הָאט עֶר אַ רֵיינֶעם מֹחַ אִיז עֶר גֶעלַאסְן אוּן גֶעדוּלְדִיג, הָאט עֶר

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

נִישְׁט אַ רֵיינֶע מֹחַ װֶוערְט עֶר פוּן יֶעדֶע זַאךְ נֶערְוֶועז, אוּן יֶעדֶע זַאךְ רֶעגְט אִים אוֹיף, אוּן עֶר מֵיינְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז גֶערֶעגְט אוֹיף אִים.

חֲזַ״ל זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי פִּנְחָס רֶמֶז תשע״א): פִּנְחָס װֶעט זַיין אֵלִיָהוּ. וָואס עֶר װֶעט מְבַשֵׂר זַיין דִי גְאוּלָה. ווִי אַזוֹי װֶעט עֶר מְבַשֵׂר זַיין דִי גְאוּלָה? זָאגְט דִי מִשְׁנָה (עֵדִיוֹת פֶּרֶק ח, מִשְׁנָה ז): אֵלִיָהוּ װֶעט נִישְׁט מְרַחֵק זַיין אָדֶער מְקַרֵב זַיין, נָאר עֶר װֶעט בְּרֶענְגְן שָׁלוֹם אוֹיף דֶער װֶועלְט. וָואס אִיז שָׁלוֹם? דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען (שַׁבָּת י:). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ל״ג): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאכְזוּכְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן עֶר זָאל זַיין שָׁלוֹם מִיט זִיךְ, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, אוּן פַאנְגְט אָן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס דִי װֶועסְט אִים נָאר נִישְׁט גֶעבְן װֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, אוּן שְׁטֶענְדִיג װֶועט עֶר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

אַנְדֶערֶע הָאבְּן מֶער, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאךְ וֶוייניגֶער פוּן אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע (קְדוּשַּׁת לֵוִי פַּרְשַׁת אֱמוֹר) הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ל״ט): ׳בַּשָּׁמַיִם׳ מִמַּעַל, דָאס הֵייסְט בַּיי ׳רוּחְנִיוּת׳, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג קוּקְען אוֹיף אַרוֹיף, אַז יֶענֶער לֶערְנְט מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דָאס גְלַייכְן, (שָׁם): וְעַל ׳הָאָרֶץ׳ מִתָּחַת, דָאס הֵייסְט ׳בְּגַשְׁמִיוּת׳, דַארְף מֶען קוּקֶען אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט.

חֲזַ״ל בְּרֶענְגֶען (נְדָרִים נ.): אַז דִי וַוייבּ פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרִים, [אִיר טַאטֶע הָאט אִיר גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וַוייל זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַן עַם הָאָרֶץ, אוּן עֶר הָאט אִיר אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע זַיינֶע פַארְמֶעגְנְס,] אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ קִינְד אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט שְׁלָאפְן אוֹיף שְׁטְרוֹי, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בֶּעט, הָאט זִי גֶעהַאט חַלִישׁוּת הַדַעַת, הָאט אֵיינֶער אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט [אֵלִיָהוּ הַנָבִיא]

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

אוּן פַארְצֵיילְט, אַז זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד אוּן גֶעבֶּעטְן: אֶפְשָׁר הָאט אִיר אַבִּיסְל שְׁטְרוֹי וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואוּ אַרָאפּ צוּ לֵייגְן דִי בֶּעיבִּי?! הָאט רֶבִּי עַקִיבָא גֶעטְרֵייסְט זַיין וַוייבּ: זֶעהְסְט! דֶער אִיד הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין שְׁטְרוֹי, אוּנְז הָאבְּן כָאטְשִׁיג שְׁטְרוֹי.

דִי גְמָרָא זָאגְט (חוּלִין ס:): וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט זֶענֶען דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה גֶעוֶוען אֵיינִיג, הָאט דִי לְבָנָה מְקַטְרֵג גֶעוֶוען: אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי מְלָכִים שֶׁיִּשְׁתַּמְּשׁוּ בְּכֶתֶר אֶחָד. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קְלֶענֶער גֶעמַאכְט, זָאגְט דִי לְבָנָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַ גוּטֶע עֵצָה גֵייסְטוּ מִיר מַאכְן קְלֶענֶער"? הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן דִי שְׁטֶערְנְס אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן. אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב דָאס מַסְבִּיר: מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי שְׁטֶערְנְס צוּ וַוייזְן אַז עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען קְלֶענֶער ווִי דִיר, מְמֵילָא הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז קִנְאָה. אוּן ווִיבַּאלְד דִי אִידְן זֶענֶען דָא לֵיידֶער אַרַיינְגֶעפַאלְן

breslevcity.co.il

אִין נִיאוּף – רַחֲמָנָא לִצְלָן – מִיט דִי בְּנוֹת מוֹאָב, דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן בִּלְעָם, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אוּמְצוּפְרִידְן, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען מְקַנֵא צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין כַּעַס, וֶועגְן דֶעם אִיז פִּנְחָס גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן דָאס נִיאוּף, אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט מֶען זָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, מְקַנֵא זַיין זָאל מֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רע"ח), דָאס הֵייסְט מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, בְּמֵילָא אִיז מֶען שׁוֹין צוּפְרִידְן, אוּן מֶען אִיז מֶער נִישְׁט אִין כַּעַס. וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

breslevcity.co.il

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# כ"ק מרן רבינו אליעזר שלמה בן מלכה שליט"א

לרפואה שלימה לכל רמ"ח אבריו ולכל שס"ה גידיו ולכל טיפי דמיו.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## יואל בן רייזל נ"י

## ווזוגתו

## גיטל בלומא בת צביה פערל תחי'

## וילדיהם

## יעקב הלל, נתנאל, רחל לאה,

## נפתלי צבי, חיה, פייגא, אליעזר שלמה.

הקדוש ברוך הוא ישפיע עליהם שפע ברכה והצלחה

ויתרחב להם בגשמיות וברוחניות ויזכו לרוות רוב נחת

דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כיה"ר.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית